# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פסח תשפ"ב ◆ עלון מס': 87

## דברים שבלב

אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער נסיון און די שכר פון די ערב פסח'דיגע עבודה

דער בילד ווי אזוי עס זעט אויס דער אידישער שטוב ערב פסח דארף מען נישט פארשטעלן. מען קראצט, מען רייבט, מען רייניגט, מען ליידיגט אויס יעדער ווינקל פון חמץ און ביי אנדערע איז עס דער איינקויפן און די האנדלעריי פאר פסח.

מען טוט אלעס לכבוד דער יום פסח, אבער אז מען לערנט די ווערטער פון דעם הייליגן רבי'ן אין ספר חובת הלבבות אין שער הבטחון פרק שלישי טרעפט מען זיך דארט מיט א טיפערער דערהער וואס א איד קען מיטנעמען מיט זיך און עס נוצן סיי ווען ער איז עוסק אין די הכנה פאר יום טוב און בכללות ווען ער איז עוסק אין זיין טאג טעגליכע באשעפטיגונג.

דער רבי רעדט ארום איבער די טירדות און די מיטלען וואס מ'האט געפירט פון אויבן אז דער מענטש זאל עוסק זיין אין דעם.

דער רבי זאגט דערביי די ווערטער 'ויכוון בטירדות לבו וגופו בסיבה מן הסיבות לעמוד במצוות הבורא שצוה להתעסק בסיבות העולם.

אין די ווערטער פון דעם רבי'ן איז דא א הדרכה פאר דעם איד ווען ער איז עוסק אין זיינע גשמיות'דיגע באשעפטיגונגען. דער רבי וויל אז ווען דער מענטש באשעפטיגט זיך מיט זיינע באשעפטיגונגען ווי ער קויפט איין, אדער ער שלעפט זאכן, זאל ער גדענקען אז ער איז מקיים דערמיט א מצוה.

דער מענטש זאל גדענקען אז זיין באשעפטיגונג איז נישט קיין צופאל. פון הימל האט מען עקסטער אזוי געפירט און דאס וויל מען פון אים און אויב וועט ער דאס גדענקען וועט ער מיט דעם מקיים זיין א מצוה און ווי דער פסוק איז מעיד אויף איינעם - יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך - ווען א מענטש איז א נהנה פון זיין יגיע כפו איז וואויל און גוט פאר אים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער פסוק זעט מען א שטארקער זאך. ווען דער פסוק רעדט פון א ירא שמים זאגט ער אשרי איש ירא את השם אבער דער וואס איז מקיים דער יגיע כפיך אויף אים ווערט געזאגט דער אשריך וטוב לך. עס קען זיין אז א איד זאל זיצן א גאנצער טאג אין שול און זיין א ירא השם אבער דער וואס איז עוסק באמונה אין יגיע כפיים איז זוכה צו די ברכה פון אשריך וטוב לך.

ווען מען נעמט אריין אין זיך די נקודה און מען לעבט מיט דעם טוישט זיך דער לעבן מקצה אל הקצה. אלע טעכנישע זאכן וואס מען האט געטון ביז היינט וועלכע האבן ביז היינט אויסגעזען טעכניש ווערן איבערגעדרייט אויף עבודת השם.

עס איז אזוי א גאנץ יאר און עס איז אזוי ערב פסח ביים אנגרייטן די שטוב און עס אויסרייניגן לכבוד פסח.

דער רבי לייגט צו א שטארקע נקודה און ער זאגט 'בין שיוגמר לו חפצו, בין שלא יוגמר לו חפצו'.

סיי אויב דער זאך וואס ער האט אנגעהויבן אויסצופירן האט מצליח געווען און סיי אויב עס האט נישט מצליח געווען. עס מאכט זיך אסאך מאל אז א מענטש ארבעט אריין אין א זאך אבער עס לאזט זיך אויס מיט גארנישט. ביי דער מענטש זעט אויס אז ער האט געארבעט אומזינסט אבער אויב ער לעבט און גדענקט אז דאס איז געווען איז געווען דער רצון השם, וועט ער באקומען דערפאר שכר.

דער הייליגער אמורא אין פרק ערבי פסחים [קי"ג] זאגט אז דריי מענטשן האט השי"ת ליב און רעכענט אויס אז איינער פון די דריי איז ווער עס ווערט נישט אין כעס.

רב אשי זאגט די מימרא אין פרק ערבי פסחים ווייל ער וויל אז מען זאל עס גדענקען אין די פארנומענע ערב פסח טעג אז מען זאל נישט ווערן אין כעס, אויך ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי עס וויל זיך גיין.

עס געשעט אז א איד לייגט אריין שעה'ן הארוואניע אין אנגרייטן געפילטע פיש פאר פסח און נאכ'ן עס אנגרייטן לייגט ער עס אריין אין פרידזשידער אבער עס שטעלט זיך ארויס אז דער פרידזשער איז צובראכן. ער האט נישט קיין ברירה און ער דארף עס ארייננווארפן אין מיסט אז די קעץ פון מאה שערים זאלן זיך קענען זעטיגן מיט א פיינע סעודה.

נארמאל וואלט ער געדארפט באוויינען די געלט און די שעה'ן אבער אויב ווייסט ער אז דאס האט השי"ת געוואלט וועט ער ענדע באקומען שכר דערויף לעתיד ווייל דאס האט השי"ת געוואלט.

און אז די פיש איז גוט און דער פרידזשידער איז נישט צובראכן דארף מען זיכער דאנקען השי"ת אויף די גרויסע חסדים.

זאל מען זוכה זיין צו א פסח פול מיט אמונה און בטחון.

[ארויסגענומען פון שיעור 77 אין שער הבטחון]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער **4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### ווער עס וויל זען - זעט

די לעכטיגע מינוטן בצל צילו פון דעם שר התורה רבי חיים זצ"ל וועלן פארבלייבן אין זכרון אויף אייביג.

עס איז געווען מיט דריי יאר צוריק, אין א מיטוואך, כ"ב אדר תשע"ט ווען איך האב געהאט די זכיה אריינצוגיין צום גרויסן גאון און אראפצולייגן אויפ'ן טיש א השגחה פרטית גליון.

דער גאון האט געהאלטן אינמיטן שלחן ערוך חושן משפט הלכות ערב. כדרכו בקודש איז ער געווען פארטיפט אין לערנען און האט נישט באמערקט אז מיר זענען דא. מיר האבן געווארט עטליכע מינוט ביז ווען ער האט אונז באמערקט און דאן זענען מיר מיט ציטערדיגע טריט צוגעגאנגען צו אים און אים דערלאנגט דער גליון 'השגחה פרטית' אויסשמוסענדיג דערביי דער ציל פון דעם גליון און ווי אזוי די גליון ברענגט אריין אמונה אין אידן.

דער גאון האט געגעבן א בליק אויפ'ן גליון פון אויבנאויף און זיך אנגערופן צו אונז:

**"לאזט עס דא ווייל איך וויל עס לייענען".**

דער משמש האט גענומען דער גליון און עס געלייגט אינמיטן טיש און דער גאון האט ווייטער געליינט די קוויטלעך.

נאך אפאר מינוט דרייט ער זיך אויס צום גבאי און פרעגט אים וואו דער גליון ליגט.

**"קיינער זאל עס נישט אוועקנעמען".**

"מיר געבן אכטונג אויף דעם, קיין איינער וועט עס נישט אוועקנעמען פון דא". האט אים דער שמש בארואיגט.

עס איז געווען שטארק קענטליך ווי דער גאון האט הנאה און איז מחשיב די בשורה פון דעם דור, אז מען הייבט אן מפרסם צו זיין סיפורים פון השגחה פרטית, פאר אידן וואס ווילן זען די השגחת השם פון דעם דור, גענוי ווי ער אליין שרייבט און רעדט ארום פון דעם אין זיין ספר אורחות יושר [מאמר השגחה].

אין זיין ספר באטאנט דער גאון אז די נסיון פון השגחה פרטית איז א נייער נסיון און אז אין די פריערדיגע דורות איז נישט געווען אזא נסיון. ער זאגט אז דער טעם דערצו איז אז אין יענער צייט האבן אפילו די גוים געגלייבט אין השגחה פרטית און אנערקענט אז א איד וואס פירט זיך ערליך איז ממשיך שפע פאר אים און וואו ער גייט ווערט דער ארט געבענטשט.

ער ברענגט אראפ דארט א מורא'דיגער מעשה איבער דער גאון רבי אלעזר משה פון פינסק זצ"ל אז וואו ער איז געגאנגען האט ער אריינגעברענגט א ברכה אויף יענער ארט. עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז די גוים פון די געגנט פלעגן אים שטופן ער זאל טרעטן אויף זייער פעלד, ווייל זיי האבן געוואוסט אז אין א פעלד וואס דער גאון טרעט איז דער פעלד א געבענטשטער פעלד.

היינט איז עס ליידער נישט דא.

פארוואס?

געבט דער גאון צו פארשטיין אין זיין ספר און איז מבאר בשם דער חזון איש אז היינט איז דא הסתרה, אבער, לייגט ער צו אז די היינטיגע הסתרה איז נישט אן אמת'ע הסתרה, די היינטיגע הסתרה איז נאר צו פארגרעסערן די נסיון.

דער באשעפער וויל מקרב זיין די גאולה און אזוי ווי אין מצרים איז פאר די גאולה געווען א קושי השיעבוד און א דאנק די קושי השיעבוד האט השי"ת קורצער געמאכט די גלות, איז די זעלבע אין אונזער דור, דער באשעפער מאכט גרעסער די נסיון אז מיר זאלן זיך מתגבר זיין אויף איר.

דער גאון איז מסיים בשם דער חזון איש אז מען קען עס זען אויך אין דעם היינטיגן דור און אויך איינער וואס האט נאכנישט דורכגעלערנט גאנץ בבלי און ירושלמי, זוה"ק און כתבי האר"י קען צוקומען צו דעם.

מען דארף נאר איין זאך דערצו וכלשונו **"אז ווער עס וויל זען - זעט און אויך היינטיגע צייטן".**

מען דארף נאר וועלן זען!

ברוך השם אז היינט איז דא דער אלוועלטליכער 'שער הבטחון' באוועגונג.

די באוועגונג קען מען היינט אנרופן 'די וואס ווילן און די וואס זען' ווייל די וואס לעבן מיט דעם זעען די השגחה אויך היינט.

און ווען עס קומט אזא הייליגער יום טוב ווי פסח וועלן מיר לויבן השי"ת פאר די מתנה - אז מיר האבן די מתנה פון אמונה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פושט צורה ולובש צורה

איינס פון די גרויסע דילעמעס וואס יעדער שטוב מיט קינדער האט איז ווי אזוי דער סדר נאכט זאל אריבערגיין אין א געשמאקער און א באַטעמ׳טער וועג אז יעדער מיטגליד פון די משפחה זאל באקומען וואס ער דארף און זיין א חלק פון דער הייליגער נאכט און דער מעמד.
אסאך עלטערן לייגן אריין קאפ און מח אין אויסשטעלן דער סדר און אזא סארט מענטש איז אויך מיין חבר וועלכער וואוינט אין אויסלאנד און האט ברוך השם זוכה געווען צו א שטוב פון קינדער.
אביסל פאר פסח האט ער מיר געקלינגען און א לענגערע צייט האבן מיר זיך דורכגעשמועסט וויאזוי קען מען אויסשטעלן אז יעדער איינער ביי דער סדר זאל ארויסגיין צופרידן און זיך שפירן א טייל פון דעם הייליגן און דערהויבענער נאכט.
עס האט דערווארעמט דער הארץ צו זען ווי עס גייט אין לעבן אריין פאר׳ן טאטן אז אלעס ביי דער סדר נאכט זאל קלאפן און נאכ׳ן זיך אויסשמועסן און צוטרעפן א תפקיד פאר יעדן איינעם האט מען זיך געווינטשן א גוט יום טוב און א פסח כשר ושמח.
ווי באטאנט וואוינט דער איד אין אויסלאנד און איך וואוין אין ארץ ישראל. מיר האבן איין סדר און ער האט צוויי סדרים און ווען עס איז געווארן ביי אים מוצאי יום טוב שני האט ער מיר אנגעקלינגען און מיטגעטיילט וויאזוי עס איז אריבער אויף אים די הייליגע נעכט און וויאזוי די עצות וואס מיר האבן אויסגעשמועסט איז אים צוניץ געקומען.
דערציילט דער איד אז די ערשטע סדר איז אריבער אויף א הפלא׳דיגער אופן. די קינדער האבן קאפעררירט. מען האט מיטגעזינגען און מיטגעטאנצן און געפרעגט די פיר קשיא׳ס. עס איז געווען דא, דארט, קליינע שטערונגען, אבער בכללות איז עס אריבער געהויבן און אויסגעצייכנט אבער ווען מען האט זיך געזעצט צום צווייטן סדר האבן זיך אנגעהויבן די פראבלעמען.
דער גרויסער קינד איז נישט געווען אין די כלים. נאכדעם וואס עטליכע זאכן האבן אים נישט געפאלן אין שטוב האט ער אנגעהויבן קרומען און צושטערן די גוטע אטמאספער וואס עס האט געהערשט אין שטוב און דער טאטע האט אנגעהויבן מורא צו האבן אז אט אט און ער גייט ארויסגיין פון די כלים.
אינמיטן, ווי צו גיסן אויל אויפ׳ן פייער האט פאסירט אין שטוב עפעס, וואס האט געפאדערט אז דער טאטע זאל זיך אריינמישן און דער טאטע האט אנגעהויבן ווערן באזארגט אז ער גייט אויספלאצן מיט א כעס.
ציטערנדיג פון אן אויסברוך האט ער באשלאסן אז ער גייט עס מסדר זיין אבער עס ברענט נישט אויף די מינוט, עס קעןווארטן פינף מינוט.
ער האט א קוק געגעבן אויפ׳ן זייגער און באשלאסן צוווארטן פינף מינוט. עס איז אריבער גאנצע פינף מינוט און מיט די פינף מינוט איז אויך אריבער די וויכטיגקייט פון מעיר זיין און פון דעמאלטס און ווייטער זענען די זאכן געגאנגען געשמירט.
אויסערליך האט מען נישט דערקענט אז עס האט זיך דא געפאדערט א גבורת הנפש אבער ווען עס איז אריבער האט מען פארשטאנען אויף צוריקציוועגס.
דער סדר איז ווייטער געגאנגען אין שפאן ביז ווען מען איז אנגעקומען צו צפון. ווען מען האט געדארפט אפגעבן די אפיקומן האט זיך אנגעהויבן א קריגערײַ און דער עלטסטער איז נאכאמאל ארויס פון די כלים און ער האט אנגעהויבן וויינען און אראפגעלייגט די קאפ אויפ׳ן טיש און עס האט אויסגעזען

## א טאג פון דיספאזעבעלס

עס דערציילט הר״ר דוד שליט״א:
ווען איך האב אנגעהויבן איבערגעבן די שיעורים אין שער הבטחון פון חובת הלבבות האב איך זיך געמאכט א מנהג טוב אז ביי יעדער שיעור וועל איך איבערזאגן א פסוק פון א קאפיטל תהלים לויט׳ן שיעור, ווי למשל אז כ׳האלט ביי דער איין און פופציגסטער שיעור וועל איך איבערזאגן א פסוק אין תהלים פון קאפיטל נ״א.
אבער ווען איך בין אנגעקומען צו 151׳סטער שיעור בין איך אריין אין א דילעמע.
טראכטנדיג אזוי וואס מען קען טון איז מיר איינגעפאלן אז כ׳גיי זוכן אנדערע מקורות און אזוי ארום בין איך אנגעקומען צו די סימנים אין שלחן ערוך און אזוי ארום שטייענדיג פאר׳ן 246׳סטער שיעור האב איך זיך געגרייט אריינצוקוקן אין סימן רמ״ו.
איך האב עס געטראכט צו טון, אבער ביני לביני האבן מיינע אויגן זיך באגעגנט מיט א מודעה איבער די פטירה פון דעם חשוב׳ער איד הרה״ח רבי יוסף וואהלבערג ז״ל.
זייענדיג בידידות מיט זיינע קינדער בין איך ארויף צו די שבעה און כ׳האב מנחם געווען די אבלים.
רבי יוסף ז״ל האט איבערגעלאזט עטליכע חשוב׳ע קינדער און צווישן זיי איז דא ר׳ שמואל.
ר׳ שמואל איז בארימט אין די געגנט האבנדיג א געשעפט וואס פארקויפט דיספאזעבל געשיר מיט וועלכע אסאך אידן באניצן זיך און קויפן דארט איין.
רבי יוסף ז״ל איז אוועק פון די וועלט אביסל פאר פורים און זעענדיג ווי אויפ׳ן טיר פון דער געשעפט שטייט א צעטיל אז דער געשעפט איז פארשלאסן ווייל ער זיצט שבעה נאך זיין פאטער האב איך זיך מתבונן געווען דערינען. נאך אלעם איז יעצט דער פארנומענסטער צייט אין יאר. מען קויפט איין טעצער פאר משלוח מנות און אנדערע זאכן און אין אזא צייט צו האלטן פארמאכט דער געשעפט איז א חשוב׳ער זאך.
קומענדיג צו די שבעה האב איך עס באטאנט פאר ר׳ שמואל זאגנדיג אז איך בין באגייסטערט פון זיין גבורה צו צושליסן א געשעפט פאר א וואך צייט אין די פארנומענסטע צייט פון יאר.
״איך בין זיכער״, האב איך צוגעלייגט, ״אז מען וואלט געקענט טרעפן אויסוועגן ווי פארקויפן די זכות פון דעם געשעפט פאר אנדערע אדער״....
אבער ר׳ שמואל האט מיר געזאגט אז ניין. זיין טאטע וואס איז יעצט אוועק האט מורא׳דיג שטארק מדקדק געווען בהלכה נישט זוכנדיג קיין היתרים אין קיין שום וועג און ער האט דאס מקבל געווען פון זיין פאטער, און ער פראבירט אויך צו גיין אין די וועגן.
״און וואס וועט זיין מיט׳ן ציבור? איר לאזט אלעמען אויף הפקר״?
ר׳ שמואל האט געשמייכלט זאגנדיג אז דערויף דארף איך זיך נישט זארגן ווייל אביסל אראפציער פון אים איז דא נאך אזא געשעפט און יענער וועט זיך פרייען צו סערווירן דעם ציבור.
און אז מען איז שוין געזעצן האב איך געבעטן אז כ׳וויל כאפן א בליק אין שלחן ערוך סימן רמ״ו. איך האב געעפענט דער

משנה ברורה און געזען אז מען רעדט דארט ארום איבער די סוגיא פון א איד וואס האט א בהמה און ער זוכט וועגן ווי אזוי מען קען ארבעטן מיט איר אום שבת.

מען רעדט דארט ארום וויאזוי מען קען זיך אן עצה געבן און ווי אזוי דורכ'ן אריינעמען דער גוי אלץ א שותף קען מען טרעפן א פאטענט. איך האב שוין כמעט געוואלט זוכן א צווייטן סימן ווייל די נושאים פון בהמות איז היינט נישט נוגע אבער א רגע איידער איך לייג עס אראפ און כ'גיי זוכן עפעס אנדערש האבן מיינע אויגן באמערקט א ביאור הלכה.

דער ביאור הלכה זאגט דארט אז אפילו אויב מען קען טרעפן היתרים זאל מען עס בעסער אויסמיידן און ער פירט אויס אז ווער עס פירט זיך אזוי און איז מקיים דער רצון השם אויף א לכתחילה'דיגער וועג וועט זוכה זיין צו א ברכה און זען א ברכה בנכסיו דורכאויס די וואכענטעג.

האב איך זיך געטראפן א געוואלדיגער שטיקל חפץ חיים. אן אפענער טשעק פון דעם גרויסן כהן גדול בימיו, דער חפץ חיים וואס זאגט צו פאר א איד שפע רב אויב וועט ער מחמיר זיין אויף זיך און זיך נישט פארלאזן אויף היתרים.

וועלענדיג זיין זיכער צי מען קען טרעפן אן ענליכער לשון פון דער חפץ חיים אין משנה ברורה האב איך א פרעג געגעבן דער גאון ר' וועלוועל דייטש שליט"א וואס איז בקי אין משנה ברורה צי עס איז דא נאך אזא ארט אין משנה ברורה וואו ער דרוקט זיך אויס אזוי און ער האט מיר געזאגט אז ניין און אז נאר דא טרעפן מיר אזא לשון.

מיט אן אבל טאר מען נישט לערנען אבער דברי חיזוק מעג מען יא זאגן, און כ'האב איבערגעזאגט פאר'ן אבל וואס עס שטייט אין משנה ברורה און אויסגעפירט אז אזוי ווי ער איז אזוי מקפיד נישט אריינצוגיין אין געשעפט אין די ימי' האבל וועט אים אויך השי"ת באצאלן כגמולו אז עס וועט אים גארנישט פעלן פון זיין פרנסה.

ר' שמואל האט הנאה געהאט פון די חיזוק און זיך באדאנקט און מיר זענען ארויס פון שטוב.

עס איז אדורך אפאר טעג פון יענע מעשה. דער יום טוב פורים איז אנגעקומען און עס איז פורים ביינאכט און כ'באגעגן זיך מיט ר' שמואל און ער שטעלט מיר אפ.

"איך האב געטראכט וועגן דיר", געבט ער מיר א זאג און דערציילט מיר וועגן די שטיקל משנה ברורה וואס איך האב אים געוויזן און זאגט מיר אז ער וויל מיר דערציילן וואס עס האט פאסירט היינט מיט אים.

"היינט איז געווען תענית אסתר. איך בין אריינגעקומען אין געשעפט און פארנאכטס נאכ'ן שליסן די געשעפט האב איך איבערגעציילט די געלט און וועסט נישט גלייבן, איך האב פארדינט אין איין טאג אזויפיל וויפיל איך פארדין אין א וואך צייט".

"דער חידוש איז נאך געווען גרעסער".

ר' שמואל געבט צו פארשטיין וויאזוי ער האט אין יענעם טאג באגעגנט א צווייטער איד וועלכער האט אויך אזא געשעפט און רעדנדיג מיט יענעם זאגט אים יענער אז דער טאג איז געווען א פארשלאפענער טאג.

ר' שמואל האט עס נישט געקענט גלייבן.

עס קען זיך דוכטן ווי פאר א גאנצער וואך האבן מענטשן נישט געקויפט קיין פלעסטיק געשיר אבער דער אמת איז אז מען האט פון הימל אזוי געפירט אז ר' שמואל זאל זען אז פון זיך היטן דערלייגט מען נישט און אז די ברכה פון דער חפץ חיים איז אמת ויציב.

און אויך איך האב דא געטראפן דער קשר צווישן סימן רמ"ו און מיין 246'סטער שיעור.

ווי עס גייט דא נאכאמאל זיין אן אנגעצויגענקייט.

אזוי ווי ער איז דער עלטסטער אין שטוב שלעפט ער נאך אלעמען נאך זיך און דער טאטע האט אנגעהויבן מורא האבן אז ער וועט נאכשלעפן נאך זיך דער גאנצער שטוב.

אבער דא האט מען געוויזן פון הימל אז דו טו דיינס און פון הימל וועט מען שוין העלפן.

אין יענער רגע האט זיך געהערט א קלאפ פון טיר. ביים שוועל איז געשטאנען א קינד פון דעם שכן מיט א בקשה. ער האט געזאגט אז ביי זיי גייט מען בענטשן און עס איז דא ניין מענטשן און עס פעלט בלויז א צענטער צום מנין צי איינער פון די קינדער קען אריינקומען פאר א מינוט און משלים זיין דער מנין.

מען האט אנגעוויזן אויף דעם קינד און דער קינד האט נישט קיין צווי ברירה'ס. צום שכן קען מען נישט גיין אנגעבלאזן און בעל כרחך האט ער געמוזט פושט ולובש צורה זיין און צוריקקומענדיג פון דארט איז ער געווען גענוי ווי ער איז געווען פריער.

מען האט געוויזן פון הימל אז ווען א איד מיינט עס ערנסט און ער שטרענגט זיך אן העלפט מען אים פון הימל.

## די געהאלט איז נאר געווארן גרעסער

אסאך כוחות און תפילות האבן מיר אריינגעלייגט אז מיין פרוי זאל זיך צוטרעפן א פאסיגע פרנסה און ווען מען האט איר איינגעלאדענט צו קומען אויף אן אינטערוויאו פאר א דזשאב האבן מיר אריינגעלייגט אסאך תפילות אז זי זאל נושא חן זיין און ווערן אנגענומען פאר די ארבעט.

ביי דער שמועס וואס זי האט געהאט איידער'ן ווערן אנגענומען האט זי געפרעגט פון די ארבעטסגעבער צי זי וועט דארפן אריינקומען צו די ארבעט אין די חול המועד טעג.

דער ענטפער איז געווען אז ניין! זי וועט נישט דארפן אריינקומען ארבעטן חול המועד.

זי האט באקומען די געווינטשענע ארבעט און האט אנגעהויבן ארבעטן אין איר.

למעשה ווען עס איז אנגעקומען חול המועד סוכות האט מען איר געזאגט אז מען האט נישט קיין צוויי ברירות און אויך אין די חול המועד טעג וועט זי מוזן אריינקומען צו די ארבעט.

מען רעדט פון אן ארבעט וואס ווי מער קאסטומערס מען ברענגט אריין פארדינט די קאמפאני מער געלט. אויף יעדער פרישער קאסטומער וואס זי ברענגט אריין באקומט זי א באנוס און די אויפזעער האט איר געגעבן צו פארשטיין אז אזוי ווי אויך אין די חול המועד טעג איז דא קאסטומערס וואס ווילן קויפן מוז זי אריינקומען אין דזשאב אויך אין די חול המועד טעג.

מיין פרוי האט זיך גע'ישוב'ט און רעדנדיג דערפון אין שטוב האבן מיר ביידע אפגעמאכט אז אזוי ווי דער זאך איז נישט קיין דבר האבוד זאל זי נישט אריינגיין חול המועד צו די ארבעט.

מיר האבן זיך מחזק געווען מיט אמונה אז וואס עס איז באשערט פאר אונז וועט סייווי אנקומען און עס פעלט נישט אויס אז מען זאל וועגן דעם אריינגיין אין די ארבעט אין חול המועד טעג.

דער יום טוב איז אריבער מיט א גרויסער דערהויבענקייט און מוצאי יום טוב ווען זי איז אריין צו די ארבעט האט זי באקומען א סימן פון הימל אז זי האט גוט געטון.

בלויז אין דעם אסרו חג טאג האט זי פארענדיגט אזויפיל ווי פינף דילל'ס. אין געוועגליכע צייטן נעמט איר עטליכע טעג אויסצופירן אזויפיל דיללס, אבער דא האט איר די הצלחה געשיינט אז אין איין טאג האט זי עספיעט וויפיל זי מאכט געווענליך אין איין טאג.

סיי זי האט שיין פארדינט פון די באנוסעס וואס מען באקומט און סיי די פירמע האט פארדינט און אינאיינעם האט מען זיך מחזק געווען מיט דער יסוד אז אין אדם שומע לי ומפסיד.

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**ווען א איד האט א דורכפאל אין א זאך וואס ער דארף זיך שטארקן, צי קען מען זאגן דערויף אז עס איז באשערט, צי נישט? למשל, ווען איך וויל אויפשטיין פארטאגס און איך האב נישט געקענט עומד זיין בנסיון צי קומט אריין צו זאגן אז עס איז מן השמים, אדער דארף זיך א מענטש מתגבר זיין אויף דעם?**

שאלה נומער 39

ש.א. ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## הכול בידי שמים חוץ מיראת שמים

**הרב יצחק שטערנפעלד פון אלעד:** דער באשעפער האט געגעבן פאר א מענטש א בחירה און נאר ער טראגט די אחריות אויף זיינע מעשים. סיי אויב די מעשים איז גוט אדער חלילה פארקערט. עס איז זיכער אז עס פאדערט זיך פון א איד אז ער זאל זיך שטארקן נאכדעם וואס ער איז געפאלן אבער צו זאגן אז עס איז געווען מן השמים איז נישט דער וועג! נישט נאר איז עס נישט דער וועג, נאר מיט אזא צוגאנג, וועט מען קיינמאל נישט תשובה טון, ווייל פארוואס דארף איך תשובה טון, עס איז דאך אלעס מהשמים.

**הרב אליעזר ווילמאן פון מודיעין עילית, הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** חז"ל זאגן אונז שוין [ברכות לג] אז הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. עס איז אינטערעסאנט צו זען וויאזוי דער יצה"ר פארדרייט א קאפ פאר'ן מענטש. ווען עס קומט צו רוחניות זאגט ער אים אז עס איז בידי שמים. ווען עס קומט צו גשמיות דערמאנט ער אים אז מען דארף טון השתדלות. דער אמת איז ווי געברענגט פון חז"ל און א מענטש דארף אויסרעכענען צו גיין שלאפן פרי צו קענען אויפשטיין געגוג פרי און אויפשטיין באצייטענס.

**הרב חיים צבי גאלאנדער פון בני ברק:** אין ספר צדקת הצדיק פון רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע [אות מג] ווערט געברענגט אז עס איז דא צומאל ווען מען ברענגט פאר א איד א נסיון אז עס איז אוממעגליך אז ער זאל נישט דורכפאלן אבער רבי צדוק פירט אויס אז א איד קען נישט מעיד זיין אויף זיך אליין ווייל אפשר האט ער יא געהאט דער כח מכניע צו זיין דעם יצר.

**הרב אברהם בראנווארד פון בני ברק:** דער נידון צי עס איז בידי שמים אדער נישט איז וויניגער רעלעוואנט. עס פאדערט זיך פון א מענטש אז ער זאל זיך משתדל זיין מער ווי ער קען, אפילו אז פון הימל האלט מען אפ. דער חובת הלבבות אין שער חשבון הנפש [חשבון עשרים ואחד] זאגט אז א מענטש זאל זיך משתדל זיין מוסיף צו זיין אויף וואס עס איז ביכלתו און גלוסטן אין זיין הארץ און בעטן פון השי"ת ער זאל אים העלפן און ווען ער וועט אזוי טון וועט השי"ת אים ממציא זיין די בקשה און עפענען די שערי ידיעה.

**הרב יוסף שלמה גולומבק פון ירושלים, הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** א מענטש קען נישט זאגן אז עס איז מן השמים אזוי לאנג ווי ער האט נישט געטון אלעס אויף דער וועלט נישט נכשל צו ווערן. בכלל איז גוט מתפלל צו זיין פאר יעדער זאך אז מען זאל האבן סייעתא דשמיא.

## העבר אין

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב דוד לייפער פון ירושלים:** מען זאגט אז דער יצר הרע איז דער שר העבר און דער יצר הטוב איז דער שר העתיד. ווען מען צונעמט די קווענקעלניש וואס איר האט דא פירט עס נישט אין ערגעץ אויסער צו עצבות. דער עיקר איז צו מאכן לעתיד וואס קען איך טון אז עס זאל נישט געשען נאכאמאל? דערצו לייגט צו **הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש** א נקודה. איינס אז אין אדם על דברי תורה, אלא א"כ נכשל בו, פון די דורכפאל לערן זיך צו דאווענען מיט ישוב הדעת, צו שלאפן גענוג, די בחירה איז אייביג צו נישט פארלירן קיין צייט ביינאכט און בייטאג והחכם עינין בראשו.

**הרב דוד ישראל פון בית שמש, הרב בנימין קארפיאל פון ירושלים:** פון מיינע רבי"ס האב איך מקבל געווען אז דער בליק פון א איד דארף אייביג זיין אויף עתיד, דהיינו וואס וועט דיר ארויסנעמען פון דיין מצב. אז דער זאך האלט דיר אפ און דו בלייבסט שטעקן מיט שולד געפילן לייג עס אן אז אלעס איז מן השמים, אבער אויב דער זאגן אז אלעס איז פון הימל וועט דיר ברענגען צו קלות ראש, דארפסטו געדענקען אז אלעס ווענדט זיך אין דיר אליין.

**הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** עס איז קלאר אז א איד האט א בחירה אבער נאכדעם וואס ער איז אויפגעשטאנען איינמאל און איז נאכאמאל צוריק איינגעשלאפן איז עס אן אות משמים אז ער דארף זיין מער וואכזאם אין יעדער דבר רוחני אז ער זאל עס נישט פארשלאפן און זיך אונטערגארטלען להשכים ולהעריב צום בית המדרש און צו מקיים זיין אלע מצוות כראוי וכנכון.

**הרב יוסף בן עזרא פון בית שמש:** עס איז דא צוויי וועגן וויאזוי אנצוקוקן די זאך. מען קען עס אנקוקן אז אלעס איז מן השמים און די צווייטע וועג איז אז דער מענטש איז א בעל בחירה. ביי דער מענטש זענען די צוויי זאכן א סתירה, אבער ווען עס איז נוגע למעשה, זאל מען עס אנקוקן ווי א בחירה און עס גוט אויספלאנירן פון פאראויס און טון תשובה ווען מען שטייט אויף שפעט.

## שאלה פאר עלון 89

איך בין שוין אן איינגעשטעלטער אין א פלאץ פאר לאנגע יארן. איך האב אריינגעלייגט אין דער פלאץ קאפ און מח און עס ממש אויפגעבויט און אויפגעהויבן עס זאל קענען גיין געשמירט און גוט. לעצטענס האט דער קאמפאני געזוכט א מנהל. איך בין געווען זיכער אז מ'גייט מיר נעמען אבער למעשה האט מען גענומען א צווייטן. יעצער איז העכער מיר און באקומט אויך מער געלט ווי מיר. דער פאקט אז מען האט מיר געהיפערט טוט מיר זייער וויי. איך פרואביר זיך צו שטארקן אין אמונה אז אלעס איז מלמעלה אבער עס גייט מיר נישט, עס עסט מיר דער הארץ. איך וואלט געוואלט הערן אן עצה וויאזוי מען קען זיך שטארקן אין די נושא.

א.נ. פתח תקוה

### איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת קדושים. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

פון די מצות היום אין דער יום טוב פסח איז אז יעדער איד זאל זיצן ביים סדר טיש ווי א בן חורין.

חז"ל זאגן אז אפילו אן עני בישראל זאל זיצן אנגעלאהנט ביים סדר טיש, ווייל פסח ביינאכט איז יעדער איינער א בן חורין.

די ספרים הק' רעדן ארום איבער די סגולה וויאזוי מען קען אין די טעג פון פסח ווערן אן אמת'ער בן חורין. מען קען זיך באפרייען פון אלע מיני גשמיות'דיגע שיעבודים, פון די הבלי עולם הזה און זוכה זיין צו ווערן אן אמת'ער בן חורין און קונה זיין חירות אויף א גאנץ יאר, אבער ווי אייביג, מישט זיך דער יצר הרע אריין, ער זוכט וויאזוי ער קען צומישן דער מענטש מיט דברי שטות והבל און אים פארבלענדן מיט נארישקייטן, ער זאל דערלייגן די געלעגנהייט.

ווער עס גייט ארויס די טעג אין די גאסן דערקענט אז עס איז ערב יום טוב. מען קויפט זיך אן מיט נייע קליידער פאר זיך און פאר די קינדער. מען באנייעט זיך לכבוד יום טוב!

עס איז אויך דא מחמירים וועלכער זענען זיך נישט מסתפק מיט זיך באנייען די קליידער אויף יום טוב, זיי דארפן אויך באנייען די שטוב, עס איבערמאכן און פארבן שניי ווייס, לכבוד יום טוב. אזוי אז דער וואס קויפט גארנישט איין אויף יום טוב שפירט זיך צוריקגעשטאנענען אין די בחינה פון מה יעשה הבן ולא יקנה?

דער אמת איז אז ווער עס קוקט אריין אין שלחן ערוך באגעגענט זיך נישט מיט אזא הלכה אז ערב יום טוב דארף מען אויסשטאפירן.

אויך איינער וואס דער רבוש"ע האט אים געגעבן בשפע, אז ער האט גענוג און איבריג, דארף אויך אכטונג געבן נישט אויסצוברענגען געלט אומזיסטערהייט.

עס איז היינט געווארן א מנהג. מען זאגט שוין דערויף 'מנהג ישראל'. אויך די וואס ערלויבן זיך נישט צו קויפן א גאנץ יאר קויפן פאר יום טוב.

עס טוט וויי דער הארץ צו זען וויאזוי עס ווערט פונקט די פארקערטע. אנשטאט אז מען זאל קומען צום סדר נאכט ווי א בן חורין קומט מען אן ווי א בן משועבד, מיט חובות, דער פארקערטע ווי א בן חורין.

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## זיין אן אמת'ער בן חורין

מען דארף זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש צי דאס וויל השי"ת פון אונז.

לאמיר כאפן א בליק אין די תוה"ק און זען וואס איז די אמת'ע דעת תורה אויף די נושא. מיר טרעפן אין חומש ויקרא [ה. ו.ז און אויך יב. יח] וואו די תורה רעדט ארום פון דער קרבן עולה ויורד. די תורה הק' הייסט אז א איד זאל ברענגען א קרבן, אבער ער מאכט א חילוק צווישן די רייכע און די ארעמע.

דער רייכער איד, אדער דער וואס קען זיך ערלויבן, דער ברענגט א שעפסל, דער וואס קען זיך נישט ערלויבן ברענגט א טויב און אויב ער איז אזוי ארעם, זאל ער ברענגען א מנחה.

מען וואלט געקענט מיינען אז דער ארעמאן מעג מחמיר זיין. ער מעג זיך אנבארגן ער זאל קענען קויפן א שעפסל אבער די תורה זאגט אן קלאר אז ניין! ער מוז ברענגען א טויב און אויב ברענגט ער א שעפסל איז ער נישט יוצא די מצוה.

דער חינוך [מצוה קכא] זאגט אז אויב ברענגט דער עני א שעפסל האט ער נישט יוצא געווען די מצוה פון ברענגען א קרבן.

דער חינוך לייגט דארט צו אז די תורה לאזט אים נישט ברענגען א שעפסל ווייל די תורה וויל נישט אז ער זאל אריינגיין אין זאכן וואס ער האט נישט ווייל אויב מען וועט זיך אזוי פירן וועט מען צוקומען צו גזל.

אין תורת כהנים שטייט אז אפילו אויב דער מענטש האט די געלט אבער ער דארף עס האבן צו קויפן עסן הייסט עס ווי ער האט נישט.

מען זעט פון דעם קלאר אז די תורה וויל נישט אז א איד זאל קויפן מער ווי ער האט. עס איז אמת אז ביי א מצוה ווילן מיר מהדר זיין ווי מער אבער מען דארף מאכן א חשבון הנפש צי דאס וויל השי"ת פון אונז. אז מיר האבן נישט באקומען די געלט איז א סימן אז השי"ת וויל נישט פון אונז די עבודה, מ'מעג זיך נישט פאר'חובות'ן פאר דעם.

מען קען אריינגיין אין דעם יום טוב ווי אמת'ע בני חורין אן אויסברענגען אומזיסטע געלטער, נאר מיט שמחה און רואיגקייט, זיך פרייען מיט וואס מען האט און קונה זיין אמת'ע חירות.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

עס באריט די הארץ צו זען ווי עס איז דא אזעלכע גוטע אידן וועלכער זארגן זיך מחזק צו זיין כלל ישראל מיט אמונה און בטחון און אנפולן זייער לעבן מיט גוטסקייט און ערליכקייט. איך פריי זיך אז עס איז דא אזא זאך בכללות און אויך מאכט עס פאר מיר א גרויסער טויש. די מעשיות, די שיעורים, געבט מיר חיות. עס איז אוממעגליך ארויסצוברענגען אויפ'ן פאפיר וויפיל עס מאכט אויס פאר מיר, נאר דער באשעפער ווייסט, שכרכם הרבה מאוד.

### מצד די געבער

פאר א לאנגער צייט האב איך געזוכט א פאסיגער ארבעט. מען האט מיר מציע געווען אן ארבעט וואס האט מיר זייער געפאלן און ווארטנדיג אויף תשובה צי מען נעמט מיר אן צי נישט האב איך צוגעזאגט אז כ'וועל תורם זיין וויפיל עס קאסט די הפצה אין אכציג שולן. גלייך נאכ'ן צוזאגן בין איך געווארן אנגענומען צו די ארבעט קעגן אלע שאנסען און יעצט וויל איך געבן א קביעות'דיגע סומע צו קענען אויסטיילן דער גליון אין איין שול.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**